בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת דברים תשפ"ה | שבת חזון | גליון 804 [שנה י"ז]

**מען גיט מוסר פאר די צדיקים כדי נישט פארשעמען די יחידים**

אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל: (א א) דארף מען פארשטיין אז די רייד זענען דברי תוכחה, אויב אזוי פארוואס רעדט משה צו כָּל יִשְׂרָאֵל? נאר עס שטייט אין ספר ייטב לב צו מפרש זיין די גמ' ענדע תענית "לא היו ימים טובים לישראל כט"ו באב וכיום הכפורים שבהם בנות ישראל יוצאות בכלי לבן שאולין כדי שלא לבייש את מי שאין לו", איז ער מסביר אז די בגדי לבן פון יו"כ איז צו מעורר זיין תשובה און דערמאנען יום המיתה, ווי עס שטייט (קהלת ט ח) בְּכָל עֵת יִהְיוּ בְגָדֶיךָ לְבָנִים, און די צדיקים וואס זינדיגן נישט, פונדעסטוועגן גייען זיי מיט בגדי לבן, כדי נישט פארשעמען די וואס האבן יא געזינדיגט, קומט אויס ביי די צדיקים איז דאס ווי געבארגט, ווייל זיי דארפן דאס נישט, נאר כדי נישט צו פארשעמען די וואס דארפן דאס יא, דאס מיינט די גמ' "בגדי שאולין" ע"כ, לויט דעם איז גוט וואס משה רבינו האט גערעדט דברי תוכחה פאר כָּל יִשְׂרָאֵל, כדי נישט פארשעמען די וואס האבן יא געזינדיגט, און דאס מיינט שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל א לשון יחיד דורך קְחוּ עִמָּכֶם, פאר די רבים, מיט דְּבָרִים.(אשיב אברהם פאנעט קארלסבורג)

**דרוש פארוואס האבן די אידן באקומען די הייליגע תורה?**

וַתִּקְרְבוּן אֵלַי כֻּלְּכֶם וַתֹּאמְרוּ נִשְׁלְחָה אֲנָשִׁים לְפָנֵינוּ וְיַחְפְּרוּ לָנוּ אֶת הָאָרֶץ: (א כב) זאגט רש"י ד"ה וַתִּקְרְבוּן אֵלַי כֻּלְּכֶם: בְּעִרְבּוּבְיָא. אויס געמישט, און שפעטער שטייט (ה כ) "וַתִּקְרְבוּן אֵלַי כָּל רָאשֵׁי שִׁבְטֵיכֶם וְזִקְנֵיכֶם" איז רש"י מחלק אז יענער וַתִּקְרְבוּן, איז געווען אויסגעהאלטן, דאס מיינט אז די יונגערע האבן מכבד געווען די זְקֵנִים, און זיי געשיקט פריערט, און די זְקֵנִים האבן מכבד געווען די רָאשִׁים, די הויפט, צו גיין פריערט, אבער ביי אונזער וַתִּקְרְבוּן אֵלַי כֻּלְּכֶם, איז געווען בְּעִרְבּוּבְיָא אויסגעמישט, די יונגער האבן אוועק געשטופט די זקנים, און די זקנים די הויפטן (פון ספרי כ). קומט אויס אז דא ביי די מרגלים איז וַתִּקְרְבוּן נישט געווען מיט דרך ארץ און שפעטער פאר קבלת התורה איז וַתִּקְרְבוּן יא געווען מיט דרך ארץ, און מיר טרעפן אין פרשת שלח האט משה רבינו מתפלל געווען אויף יהושע אז ער זאל נישט גיין מיט די עצת מרגלים, און דאס צו געבן צו פארשטיין, ווייל עס איז שווער ווי האט משה געוואוסט אז די מרגלים וועלן צוריק קומען נגד דעם רצון ה', אז ער האט געדארפט מתפלל זיין אויף יהושע? נאר עס איז דא א שטארקע ווארט פון הייליגן חידושי הרי"ם, וואס פרעגט אז עס שטייט אין גמ' עו"ז שטייט אז דער אויבערשטער איז געגאנגען צו אלע זיבעציג פעלקער אויב זיי ווילן מקבל זיין די הייליגע תורה און יעדער האט געהאט א אנדערע תירוץ פארוואס זיי ווילן נישט מקבל זיין די תורה, פרעגט דער חידושי הרי"ם אז מען טרעפט נישט אז דער אויבערשטער האט געפרעגט די אידן צו זיי ווילן מקבל זיין די תורה? און ער ענטפערט אז דער אויבערשטער האט געגעבן די אידן די מצוה פון הגבלה (שמות יט יב) וְהִגְבַּלְתָּ אֶת הָעָם סָבִיב לֵאמֹר הִשָּׁמְרוּ לָכֶם עֲלוֹת בָּהָר וּנְגֹעַ בְּקָצֵהוּ כָּל הַנֹּגֵעַ בָּהָר וגו', זאגט רש"י וְהִגְבַּלְתָּ: קְבַע לָהֶם תְּחוּמִין לְסִימָן, שֶׁלֹּא יִקְרְבוּ מִן הַגְּבוּל וָהָלְאָה. דאס מיינט אז דער אויבערשטער האט געוואלט אויס פרובירן כלל ישראל מיט די נסיון פון שטיין מיט דרך ארץ אין א גבול, ווייל די טבע פון א מענטש איז נישט צו שטיין אין א גרעניץ, און אויב די אידן וועלן קענען מקיים זיין די מצוה פון וְהִגְבַּלְתָּ און שטיין אין א באשטימטע גרעניץ מיט דרך ארץ, זענען זיי ראוי צו מקבל זיין די תורה, און די אידן האבן בייגעשטאנען דעם נסיון און באקומען די תורה עכ"ד דברי חידושי הרי"ם, לפי"ז איז זייער שיין אז משה האט געזען אז דער וַתִּקְרְבוּן ביי די מרגלים איז געווען בערבוביא, נישט מיט דרך ארץ, האט משה שוין געזען אז גוטס וועט נישט ארויסקומען, און דעריבער האט ער מתפלל געווען אויף יהושע, משא"כ דער וַתִּקְרְבוּן ביי מתן תורה איז געווען מיט דרך ארץ, וואס דעריבער איז ארויס גוטס און די אידן האבן מקבל געווען די תורה. (אהלי שם, הרה"ק ר' שם קלינברג הי"ד מזלושיץ) לפי"ז איז גוט וואס שטייט **דרך ארץ קדמה לתורה**, דאס מיינט ווייל די אידן האבן געהאט דרך ארץ, דעריבער האבן זיי באקומען די תורה, קען מען גיין ווייטער און מחדש זיין בעזה"י, אז דער אויבערשטער האט געוואוסט אז ביי די גוים איז נישט שייך זיך צו פירן מיט דרך ארץ, און דאס זעהט מען קלאר אין די גמ' (עו"ז דף ב' ע"א) וז"ל **עתיד לבא מביא הקדוש ברוך הוא ס"ת ומניחו בחיקו ואומר למי שעסק בה יבא ויטול שכרו מיד מתקבצין ובאין עובדי כוכבים "בערבוביא" שנאמר** (ישעיהו מג ט) כָּל הַגּוֹיִם נִקְבְּצוּ יַחְדָּו וְיֵאָסְפוּ לְאֻמִּים, **אמר להם הקדוש ברוך הוא אל תכנסו לפני בערבוביא**, איז דאס יעצט הפלא, ווייל דער אויבערשטער האט געוואוסט אז די גוים פירן זיך בערבוביא אן דרך ארץ, דעריבער האט ער זיי נישט געקענט געבן דעם נסיון פון וְהִגְבַּלְתָּ: מיט דרך ארץ, נאר ער האט זיי געפרעגט צו זיי ווילן די תורה, משא"כ כלל ישראל פירן זיך אויף מיט דרך ארץ, האט דער אויבערשטער זיי געגעבן די מצוה וְהִגְבַּלְתָּ: צו באקומען די תורה. (שמח זבולון תשפ"ה)

**די שפראך האט געהאלפן די אידן מיטן גרעניץ פון א"י**

וַתִּקְרְבוּן אֵלַי כֻּלְּכֶם וַתֹּאמְרוּ נִשְׁלְחָה אֲנָשִׁים לְפָנֵינוּ וְיַחְפְּרוּ לָנוּ אֶת הָאָרֶץ וְיָשִׁבוּ אֹתָנוּ דָּבָר אֶת הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר נַעֲלֶה בָּהּ וְאֵת הֶעָרִים אֲשֶׁר נָבֹא אֲלֵיהֶן: (א כב) זאגט רש"י ד"ה וְיָשִׁבוּ אֹתָנוּ דָּבָר, **בְּאֵיזֶה לָשׁוֹן הֵם מְדַבְּרִים**, זיי זאלן זעהן וועלכע שפראך זיי רעדן, איז דאס א פלא וואס האט זייער שפראך צו טאהן מיט איינעמען א"י? און נאכדעם זאגט רש"י אֶת הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר נַעֲלֶה בָּהּ: **אֵין דֶּרֶךְ שֶׁאֵין בָּהּ עֲקַמִּימוּת**, עס מוז זיין א קרומע וועג, וואס מיינט אז די וועגן זענען געווען פארקרומט? נאר עס שטייט אין גמ' (גיטין דף ד ע"א) אז די גרעניצן פון א"י איז נישט גלייך, עס זענען דא פלעצער וואס א"י ציהט זיך אריין אין מזרח און עס זענען דא פלעצער וואס חו"ל ציהט זיך אין א"י, און אז די אידן האבן דאך נאר געדארפט איינעמען וואס באלאנגט צו א"י, אויב אזוי וואס וועט זיין זייער סימן? נאר א"י איז ארץ הכנעני, און עס איז פשוט אז יעדער מדינה האט געהאט א אנדערע שפראך, בבל האט גערעט בבלי און כנעני האט גערעדט כנעני שפראך, ממילא איז הפלא וואס רש"י זאגט: בְּאֵיזֶה לָשׁוֹן הֵם מְדַבְּרִים, זיי זאלן הערן וועלכע שפראך רעדן די מענטשן, און אויב זיי רעדן די כנעני שפראך באלאנגט דאס אין די גרעניץ פון א"י, וְאֵת הֶעָרִים אֲשֶׁר נָבֹא אֲלֵיהֶן תְּחִלָּה לִכְבֹּשׁ, און די אידן דארפן דאס איינעמען, און דאס איז וואס רש"י זאגט אֵין דֶּרֶךְ שֶׁאֵין בָּהּ עֲקַמִּימוּת, ווייל די גרעניץ איז פארקרומט, און אויב אין פלעצער וואס ציהט זיך אריין אין א"י, אבער מען רעדט נישט די כנעני שפראך, וועט זיין א סימן אז דאס איז נישט פון א"י און דאס דארפן די אידן נישט איינעמען. (פנים יפות בעל הפלאה)

*מדור העובדות*

## *****דער הייליגער חוזה מלובלין שיקט זיין תלמיד צום אייזענער קאפ פון לובלין צו פסקנען ריכטיג*****

דער הייליגער רבי יעקב יצחק הורוויץ דער חוזה מלובלין זצוק"ל (ט' באב תקע"ה), איז נישט געווען א רב מטעם די קהילה אין לובלין, נאר הגאון ר' עזריאל הלוי הורוויץ דער מחבר שו"ת ראש הברזל (כ"ב חשון תקע"ט) איז געווען דער רב מטעם הקהילה און עס איז ידוע די גרויסע התנגדות פון דעם אייזערנעם קאפ צום רבי פון לובלין זיע"א. אין די גרויסע שטאט לובלין האט דער חוזה געדאווענט אין זיין בית המדרש מיט זיינע תלמידים, נוסח ספרד, און דער אייזערנער קאפ האט געדאווענט נוסח אשכנז אין די שטאטישע שוהל.

[מען דערציילט אז איינמאל האט דער אייזערנער קאפ געפרעגט דעם חוזה, איר קענט דאך נישט לערנען פארוואס פארט דער עולם צו דיר? האט אים דער חוזה געענטפערט, איר זענט גערעכט, איך וויים טאקע נישט פארוואס! האט אים די אייזערנער קאפ געגעבן א עצה, ער זאל ארויף גיין אויף די בימה און אויסרופן אז דער עולם זאל וויסן אז ער קען נישט לערנען, און מען האט נישט וואס צו פארן צו אים, האט דער חוזה טאקע אויסגעקלאפט אז ער איז א עם הארץ און מען זאל נישט קומען צו אים, אבער נאכן אויסרופן האט דער עולם אנגעהויבן צו שטראמען מער און מער, און ווען דער אייזערנער קאפ האט זיך געטראפן מיטן חוזה, האט ער אים פארגעהאלטן אז עס קומט יעצט אסאך א גרעסערע עולם צו פארן, האט אים דער חוזה געענטפערט איך האב מקיים געווען אייערע עצה, און עס האט נישט געהאלפן! האט אים דער אייזערנער קאפ געזאגט: ווייזט אויס אז די סיבה אז עס קומט א גרעסערע עולם, איז ווייל יעצט 'האלט מען אייך פאר א עניו, דעריבער בעט איך איר זאלט ארויף גיין אויף די בימה און אויסקלאפן אז איר זענט א גרויסער למדן און אזוי וועט מען אייך האלטן פאר א בעל גאוה, אזוי וועלן זיי מער נישט קומען! האט זיך דער חוזה אנגערופן, עס איז א גוטע עצה, אבער ליגענט קען איך נישט זאגן! אין ספר נפלאות הרבי אויפן חוזה שטייט אות רס"א אז א נאכט איידער דער אייזענער קאפ איז נסתלק געווארן האט ער געזאגט ער האט חרטה אויף זיין התנגדות צום חוזה ווייל ער זעהט יעצט זיין גרויסקייט.]

הגאון רב יהושע העשיל תאומים-פרענקל זצ"ל איז געווען פון די גרויסע תלמידים פון חוזה פון לובלין, ער איז געבוירן אין שנת תק"מ, צו זיין גרויסער טאטע, הגאון רבי ברוך תאומים-פרענקל רב אין לייפניק, מחבר ספר ברוך טעם. עס האט זיך געמאכט איינמאל ווען ר' יהושע העשיל איז געקומען קיין לובלין האט אים דער חוזה געפרעגט צו ער האט אמאל באזוכט דעם אייזענער קאפ? האט ער געענטפערט אז ער האט נישט חשק ווייל ער וויל זיין מיטן חוזה, אבער דער חוזה האט אים געבעטן ער זאל גיין באזוכן דעם אייזענע קאפ, וואס דאס איז געווען א גרויסער חידוש וויסענדיג די התנגדות פון אייזענעם קאפ, אבער א חסיד פרעגט נישט און ער גייט אין שטאטישע שול און ער זעהט אז מען גייט גיין דאווענען מעריב און ער איז געבליבן דאווענען, און געטראכט אז נאך מעריב וועט ער רעדן מיטן אייזענער קאפ.

אבער גלייך נאך מעריב האט מען געהייסן אלע זאלן ארויסגיין פון שול ווייל עס גייט יעצט זיין א דין תורה, אבער ר' יהושע העשיל האט געבעטן אויב ער קען נאך בלייבן אין שול לערנען, מען האט געוואוסט זיין גדלות אין תורה און מען האט אים געלאזט בלייבן, ר' יהושע העשיל האט געטראפן א גמ' און ער עפענט דאס און פונקט האט ער אויף געמישט צו די סוגיא וואס רעדט זיך וועגן דעם דין תורה וואס גייט זיין, האט ער פארשטאנען אז דאס איז נישט קיין מקרה און האט מחליט געווען אז ער גייט הערן וואס די טענות זענען, און נאכדעם זען וואס די דיינים וועלן פסקנען.

ווען מען האט געהערט די טענות פון די בעלי דינים האבן די דיינים ארויסגעשיקט די בעלי דינים און האבן אנגעפאנגען צו מפלפל זיין צווישן זיך ווי אזוי צו געבן א פסק, און ר' יהושע העשיל הערט זיך גוט צו, אבער ער זעהט אז זיי האבן פארזעהן א אפענעם תוספות פארקערט פון זייער מיינונג, אבער ער האט נישט געוואלט אריין מישן, אבער ווען ער האט געזען אז זיי זענען געווען גרייט צו געבן זייער פסק, האט ר' יהושע העשיל זיך אנגערופן אפשר זאלן די רבנים מעיין זיין אין דעם סוגיא וואס איך האב יעצט געלערנט. מפני כבודו איז דער אייזערנער קאפ צוגעקומען און אריין געקוקט אין די סוגיא און גענומען לערנען און נאך א פאר מינוט האט ער געזאגט פאר ר' יהושע העשיל אז פון תוס' איז משמע אז זייער פסק איז נישט געווען גערעכט, און ר' יהושע העשיל האט געזאגט אז ער האט אויך אזוי געטראכט, און דער רב האט אים שטארק באדאנקט פארן אויפווייזן דעם אמת, און דער רב איז צוריק צו די דיינים און ער האט ווייטער מפלפל געווען מיט די דיינים און געלערנט מיט זיי די תוס' און זיי האבן געזען אז זייער פסק איז געווען נגד די גמ' און זיי האבן געפסקענט אזוי ווי ר' יהושע העשיל האט זיי געוויזן.

נאכן ענדיגן די דין תורה האט ר' יהושע העשיל זיך געטראפן מיטן אייזערנעם קאפ און גערעדט מיט אים ביסל, און נאכדעם זיך געגאנגען אפרוהען, נאכן דאווענען שחרית מיטן חוזה, איז צו זיין גרויסע וואונדער רופט אים צו דער חוזה און זאגט ר' יהושע העשיל, אז א חידוש איז געווען ביי אים אז די זעלבע דין תורה איז שוין געווען אסאך מאל און אלע מאל האט מען געפסקענט אנקעגען די אפענע גמ', און מער נישט גערעדט וועגן דעם.ר' יהושע העשיל האט שוין יעצט פארשטאנען פארוואס דער חוזה האט אים פונקט יעצט געשיקט, ווייל דער חוזה האט געזען ברוח קדשו אז עס גייט זיין דער זעלבער דין תורה וואס מען האט ביז יעצט נישט ריכטיג געפסקענט, און געוואלט אז מען זאל וויסן פון יעצט ווי אזוי צו פסקנען. (ספר נפלאות הרבי און אוצר הסיפורים חי"א).

ר' יהושע העשיל איז געווען אב"ד קאמארנא נאר איין טאג כדי די קייט פון רבנות זאל זיך ציהען ווייטער עס איז נפטר געווארן ה' תמוז תר"ג, זיין זוהן איז געווען הרה"ק רבי יחזקאל שרגא פייוויש אב"ד קלאסנא-וויעליטשקא, און מחבר ספר דברי יחזקאל, און געווען א תלמיד חביב פון הייליגן דברי חיים מצאנז, זיע"א.

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

סעט ירושלמי זיטאמיר מצב מלכות כריכת עור עתיק $5000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 מכתב ע"י תלמידי יח"ל שנת תש"א על צורך הקמת הישיבה ומתארים תועלת ותולדות הישיבה, חותמים בעל שבט הלוי, הרב אלימלך אשכנזי, הרב יצחק פלקסר, והרב מנדל מונדרר $4000 ספר עם הגהות השפת אמת מגור עם האמרי אמת והרה"ק ר' משה בצלאל $60000 דברי יהושע מאניסטריטש ב' חלקים בארדיטשוב $1500 ערבי נחל שייך להרה"ק ר' אהרן פערלאוו מקיידינוב $7000 ספר שייך להתפארת עוזיאל תלמיד המגיד ממעזריטש וגם השפת אמת מגור $35000 ייטב לב דפו"ר $1500 מכתב ר' יונתן שטייף מבקש עזרה מר' יעקב רוזנהיים לקבל היתר יציאה מפעסט תש"א $1500 סעט שפתי צדיק פיליץ נדיר $1500 ג' חתימות על דף אמרי אמת מגור $1500 אמרי אלימלך דפו"ר גראדזיסק שייך להרה"ק ר' משה מסטאלין $3000 שו"ע יו"ד ח"ב סלאוויטא $3200 אור המאיר עם הקדשת ר' מאיר שפירא $1000, תהלים בן ביתי דפו"ר $1500, תהלים זיטאמיר מצודות $24000 ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750, ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מניישטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר שנתן ובירך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהרי"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, שיטה מקובצת הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 תורה תמימה ד' חלקים עם הקדשות אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 מהר"ם שיק עם הקדשת קרן לדוד $2800 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500

**Summer Hours are 12 -7:00 Fri 11-1:00, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store. check out our website *www.seforimworld.com***

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש און אלטע געלט.

**דער אויבערשטער זאל אונז שוין אויסלייזן פון דעם לאנגן גלות און די טעג זאלן נתהפך ווערן אויף ימים טובים**